# פרשת מקץ

## בס"ד. משיחת כ"ה כסלו, נר ב' דחנוכה ה'תשמ"א

### – להילדים והילדות, "צבאות השם" שיחיו –

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אין צוגאָב צו דעם עיקר דערמאָנט פריער, אַז די זעלבע וואָפן וואָס מ'האָט געגעבן משה רבינו, וואָס "קיבל תורה מסיני", איז דערנאָך "ומסרה" – האָט ער דאָס איבערגעגעבן אין אַלע דורות, ביז אַז "תורה צוה לנו משה" איז "מורשה קהילת יעקב", קומט דאָס אַראָפּ אין אַ ירושה צו יעדער אידיש קינד, ביז אין אונזער דור און אין אונזער יאָר און אין די טעג פון חנוכה, ווי איר האָט ערשט געזאָגט אין די צוועלף פסוקים ומאמרי חז"ל,

איז די זעלבע תורה און די זעלבע מצוות וואָס זיי זיינען נצחיים, אייביקע – ווען זיי אויך ברענגען דעם אייביקן נצחון אין דער מלחמה מיטן יצר,

וואָס דאָס איז אויך דער נצחון אין דער מלחמה מיטן גלות, און אַראָפּברענגען משיח צדקנו, און דורך אים דעם קץ פון גלות און **אתחלתא** דגאולה און די **גאַנצע** גאולה,

און דערנאָך קומט-צו אַן עיקר'דיקער אונטערשיד און מעלה ווי אַזוי די מלחמה ווערט געפירט, וואָס דאָס ווערט אונטערשטראָכן במיוחד – ספּעציעל – דורך דער מצוה פון חנוכה,

וואָס דאָס איז דאָך אַ נצחון (אַנטקעגן דער גאַנצער) פאַר דער **גאַנצער** תורה און פאַר אַלע "חוקי רצונך",

האָט מען באַשטימט די מצוה וואָס זי זאָל דערמאָנען און פייערן און באַלייכטן דעם אינהאַלט פון דעם נצחון מיט דער מלחמה – דורך הדלקת הנרות, דורך **מאַכן ליכטיק**.

וואָס דאָס אונטערשטרייכט, אַז "צבאות השם" פירן זייער מלחמה און זייער נצחון ניט חס ושלום דורך **שלאָגן** זיך, און ניט חס ושלום דורך **ניט-איידעלע** זאַכן און **ניט-פּאַסענדע** זאַכן, נאָר זיי פירן די מלחמה דורך **ליכטיקייט** –

דורך דערויף וואָס זיי מאַכן ליכטיק (נר) דורך "נר מצוה ותורה אור": דורך דערויף וואָס זיי לערנען די תורה, אין אַן אופן אַז די תורה מאַכט ליכטיק און ווייזט זיי אָן זייער טאָג-טעגליכע אויפפירונג, און זיי זיינען מקיים "נר מצוה" – די **מצוות** פון דער תורה, וואָס יעדערע פון זיי איז אַ "נר".

און דאָס ווערט נאָך אונטערשטראָכן, ווי געזאָגט, אין די טעג פון **חנוכה**, אַז ס'איז צוגעקומען די מצוות פון **נרות** חנוכה, וואָס זייער מצוה איז דאָך אויף מאַכן **ליכטיק**,

און מאַכן ליכטיק "על פתח ביתו **מבחוץ**" – אין אַן אופן, אַז דאָאס מאַכט ליכטיק סיי באַ זיך אין הויז, אין "**ביתו**", און דאָס מאַכט ליכטיק אויך "**בחוץ**", וואָס "החושך יכסה ארץ", אפילו אין די צייט פון פינסטערקייט פון **גלות**, און אין דער **וועלט** – מאַכט אַ איד ליכטיק, דורך אידישקייט, דורך "נר מצוה ותורה אור",

איז אָט די ליכטיקייט דאַרף מען ניט האָבן מער קיינע מיטלען; דורך ליכטיקייט און פירן אַ ליכטיקן לעבן – איז מען מנצח די פינסטערקייט און די אַלע ניט-געוואונטשענע זאַכן, וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיט גלות און מיטן יצר,

און מ'ברענגט אַראָפּ די ליכטיקע גאולה.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת מקץ

און אַ צווייטע אָפּלערנונג וואָס ימי חנוכה גיבן **יעדערן** אין ״צבאות השם״, און דעם **גאַנצן** ״צבאות השם״,

אַז בשעת מ׳פירט-דורך דעם אויבערשטנ׳ס שליחות און מ׳איז אַקטיוו און מ׳טוט אין ״צבאות השם״ וויפל מ׳דאַרף טאָן, דאַרף מען זיך דערמיט ניט באַגנוגענען, און ס׳דאַרף זיין דער ״מעלין בקודש״: ער דאַרף מאַכן **נאָכמער** ליכטיקייט און נאָכמער קלאָרער די ליכטיקייט פון תורה ומצוותי׳,

ווי מ׳זעט דאָס אין דער מצוה פון צינדן נרות חנוכה, אַז היינט האָט מען געצונדן **צוויי** ליכטלעך, אף על פי – כאָטש אפילו – מיט איין טאָג פריער האָט מען מקיים געווען די מצוה אין דער פולסטער מאָס (מיט איין ליכטיקייט), מיט **איין** ליכטל, מיט דער ליכטיקייט פון איין ליכטל –

זאָגט דער אויבערשטער און גיט כח, און זאָגט אָן יעדערן פון ״צבאות השם״ און יעדער אידן, אַז יעדער טאָג זאָל ער צוגעבן נאָכמער ליכטיקייט אויף דער ליכטיקייט פון מיט אַ טאָג פריער,

און בשעת ער האַלט אין וואַקסן אין דעם צאָל פון זיינע טעג – איז דאָך נאָכמער זיכער, אַז ער דאַרף וואַקסן אין זיין טאָן אין פאַרשפּרייטן ליכטיקייט,

ווי געזאָגט, ווי מ׳זעט דאָס אין נרות חנוכה, אָנהויבנדיק פון דעם צווייטן טאָג, אַז מ׳האָט צוגעגעבן נאָך אַ ליכטל אויף די ליכטלעך פון אַ טאָג פריער,

און מ׳ווייס גלייך, אַז אַזוי (באַווייזט) ווייזט אָן תורה, אַז אויף מאָרגן, נאָך היינט, וועט מען מוסיף זיין – צוגעבן – נאָך אַ ליכט.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.